**BY AIR MAIL**




To: David G. Roskies
The Jewish Theological Seminary Of America
3 0 8 0 Broadway
New York, N. Y. 10027- 4649
U.S.A.

Y. Birstein, 14 Hanassi Street, P.O.Box 4130, Jerusalem 91041 Israel

ירושלים 19.6.1994

טייערער דוד,

יא. אויב דער פלאן וועט באשטיין און איך וועל קענען
קומען, נאך א מאל יא. נישט פארברענגען. ארבעטן.
וואס מער אויפטרעטן. מעשיות וואס מאכן א גוטע שטימונג.
א מענטש אין א גוטער שטימונג קויפט א בוך.

וועגן מיין טאכטער. דיין אויסלייג איז ריכטיק:

Nurit Inbar - Shani.

געבוירן אין ישראל. יאר 1956. וווינט אין צור הדסה
<u>Tzur Hadassa</u>

א יישוב לעבן ירושלים.

איך בין דער בעל-הבית פון די צייכנונגען. אויב
דו וועסט וועלן איר דערלויבעניש, וועט זי צושיקן.
איך האב נאכגעקוקט צו וועלכע מעשיות זי האט געמאכט
די דריי געמעלן. אויב דו דארפסט די מעשיות אין ענגליש,
זענען זיי דא. מארגארעט האט אלץ איבערגעזעצט אויף
ענגליש.

וועגן באשעוויס זינגער ביסטו כשר, שיין און גערעכט.
ווען ער וואלט נישט אזוי מזלזל געווען דעם יידישן
לייענער, ווען ער וואלט נישט געווען אזוי פארביטערט
אדער אליין אזוי ביטער, וואלט ער זיך אן עצה געגעבן
מיט זיין שרייבן אויך וועגן אמעריקע. דעם כוח האט ער
געהאט.

מארגארעט גרוסט הארציק. ליבע פאר דיר, פאר דיין
ווייב און פארן זון,

דיין יאסל